לע"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ב', גליון עז
פרשת אמור - תשפ"ג לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די פרשה

### די כהנים דארפן נישט צוקומען צו די עצה פון "יזכיר לו יום המיתה"

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו** (כא, א)**.**

אין **מדרש** (ויק"ר כו, ו) שטייט אז די כהנים האבן זוכה געווען צו באקומען די פרשה פון "לנפש לא יטמא" אין זכות פון די גרויסע יראת שמים פון אהרן הכהן. - וואס איז דער פשט פון די מדרש?

אין **גמרא** (ברכות ה, א) שטייט אז ווען א מענטש שלאגט זיך מיט זיין יצר הרע, איז די עצה איהם צו געוואונען איז דורך לערנען תורה אדער ליינען קריאת שמע, און אויב עס גייט נאך אלס נישט - זאל ער זיך דערמאנען די יום המיתה, און דורך דעם וועט ער נתעורר ווערן צו תשובה און מנצח זיין די יצר הרע.

די עצה איז נאר געגעבן געווארן פאר פשוט'ע מענטשן, אבער אהרן הכהן וואס איז געווען אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסע יראת שמים, ער האט נישט געדארפט צוקומען צו די עצה פון געדענקען די יום המיתה, און דאס מיינט דער פסוק: **"לנפש לא יטמא בעמיו"** - ער דארף נישט טראכטן פון די יום המיתה כדי צו געוואונען דער יצר הרע. און נישט נאר דאס, נאר אויך זיינע קינדער די כהנים, כאטש זיי זענען נישט אין זיין גרויסע מדריגה אין יראת שמים, פונדעסטוועגן דארפן זיי אויך נישט צוקומען צו די עצה פון געדענקען די יום המיתה, נאר זיי האבן אַן עצה צו געדענקען אז זיי זענען קינדער פון אהרן הכהן, און ממילא וועלן זיי זיך קענען שטארקן אויף זייערע יצר הרע, אזויווי עס שטייט אין **תנא דבי אליהו** (פרק כה): "חייב אדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי". און דערפאר שרייבט די תורה: **"אמור אל הכהנים בני אהרן"** - זאג פאר די כהנים אז זיי זאלן געדענקען אז זיי זענען 'בני אהרן'!

(סעודה ב' תשמו)

### די קרבן תודה - תשובה אויף די עבירה און אויף די חילול ה'

**וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח תּוֹדָה לַה' לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ וגו', וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אֲנִי ה', וְלֹא תְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם וגו'** (כב, כט-לב)**.**

וואס איז דער שייכות פון די פסוקים, קרבן תודה, היטן די מצוות, חילול ה' און קידוש ה'?

די קרבן תודה ברענגט א איד וואס איז געווען אין א צרה און ער איז געהאלפן געווארן. דער טעם פארוואס ער איז געווען אין א צרה איז מסתמא ווייל ער האט געזינדיגט, און דערפאר דארף מען אויך תשובה טון ווען מען ברענגט א קרבן תודה ["תודה" איז אויך א לשון פון וידוי], ווייל אפילו אויב מען האט שוין תשובה געטון בשעת די צרה, דארף מען נאכאמאל תשובה טון ווען מען ווערט געהאלפן, און זיך אונטערנעמען אז פון היינט און ווייטער גייט מען מקיים זיין אלע מצוות אזויווי מען דארף. דערפאר זאגט די תורה נאך די פרשה פון די קרבן תודה: **"ושמרתם מצוותי ועשיתם אותם"** - מען דארף אנהייבן צו לערנען און מקיים זיין די מצוות.

אין **גמרא** (יומא פו, א) שטייט, אז תשובה צוזאמען מיט יסורים זענען מכפר אויף אלע עבירות חוץ פון די הארבע עבירה פון חילול ה'. אויף די עבירה פון חילול ה' איז דער תיקון צו מאכן א קידוש ה' (שערי תשובה לרבינו יונה), דערפאר זאגט דא דער פסוק: **"ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל"** - אפילו דער איד וואס ברענגט א קרבן תודה נאכדעם וואס ער איז אריבערגעגאנגען יסורים און ער טוט תשובה אויף זיינע עבירות, דארף ער אבער אויך זען צו מאכן א קידוש ה', כדי צו פארעכטן מיט דעם די עבירה פון חילול ה', וואס אויף דעם העלפט נישט קיין יסורים, נאר א קידוש ה', אזויווי עס שטייט אין **גמרא** (ברכות נד, ב) אז ווען א איד גייט ארויס פון זיין צרה, זאל ער זאגן 'הגומל' ברבים, און מאכן מיט דעם א קידוש ה'.

(סעודה ג' תשלז)

### די שייכות צווישן קידוש ה' און די ימים טובים

**וְלֹא תְחַלְּלוּ אֶת שֵׁם קָדְשִׁי וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו'. דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם מוֹעֲדֵי יְהוָה אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ וגו'** (כב, לב; כג)**.**

מען קען ערקלערן די שייכות צווישן די מצוה פון קידוש השם - זיך מוסר נפש זיין פאר'ן אייבערשטן - מיט די פרשה פון די ימים טובים, ווייל עס איז באקאנט אז אויף 3 מצוות דארף מען זיך מוסר נפש זיין: עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכות דמים. און די דריי ימים טובים זענען קעגן די דריי עבירות, **פסח** איז דער יום טוב פון אמונה, דעמאלטס זענען מיר געווארן דער "עַם השם" און מיר האבן אפגעלאזט די עבודה-זרה'ס פון די מצריים, און דאס איז קעגן די עבירה פון **עבודה זרה**. **שבועות** האבן מיר חתונה געהאט כביכול מיט'ן אייבערשטן און מיט די תורה, ממילא איז דאס קעגן די עבירה פון **גילוי עריות**. און אין די ימים טובים פון **חודש תשרי** זענען מיר זוכה צו לעבן [ראש השנה און יום כיפור איז מען דַן אויף לעבן, און אויך אויף סוכות שטייט אין מדרש (ויק"ר ל) דער פסוק (תהלים טז, יא) "תודיעני אורח חיים שובע שמחות"], וואס דאס איז קעגן די עבירה פון **שפיכות דמים**. דערפאר שטייט די מצוה פון קידוש ה' נעבן די פרשה פון די מועדים, א רמז אז אויף די 3 עבירות דארף מען זיך מוסר נפש.

נאך די פרשה פון די ימים טובים שטייט די מצוה פון אנצינדן די מנורה, און די **רוקח** (סי' רכח) שרייבט אז דאס איז א רמז אויף די יום טוב חנוכה. - לויט וואס מיר האבן געזאגט איז דאס אויך א רמז אז אמאל איז דא צייטן וואס מען דארף זיך מוסר נפש זיין נישט נאר אויף די 3 אויבן-דערמאנטע עבירות, נאר אפילו אויף קליינע עבירות, למשל ווען מען וויל עוקר זיין די תורה, אזויווי עס איז געווען אין די צייטן פון די חשמונאים און די יוונים.

(קידושא רבה תשמז)

קול רינה וישועה באהלי צדיקים

בחרדת קודש וברעותא וחדוותא דליבא, הננו משגרים בזה ברכות מאליפות ונלבבות אל מול פני הקודש, רבא דעמיה מדרבנא דאומתיה, מורה דרכנו ומאיר נתיבותינו

הוד כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

ולבנו פאר מקדושים
הרה"צ ר' אהרן מרדכי שליט"א

לרגל השמחה במעון הקודש
שמחת לידת הנין תחי'
בן הרב שלום ארי' צוויבל שליט"א
מרבני כולל עיון - ירושלים

צרופה ברכותינו בתוך ברכות רבבות אלפי ישראל, שיזכה רבינו שליט"א לרוב נחת דקדושה במדה גדושה מתוך שמחה שפע ברכה ובריות גופא, ולהנחותינו במעגלי צדק לאורך ימים ושנים טובים מתוך אושר וכבוד ושובע שמחות וכל מיני ברכאן דלעילא ולתתא. אכי"ר.

המברכים בחרדת קודש
מערכת "פניני קודש - משנת קודש"

## חמץ צוזאמען מיט מצה - דינען דעם אייבערשטן מיט גשמיות'דיגע זאכן!

ווען עס קומט דער יום טוב פסח האבן מיר צוויי הייליגע עבודות: א. אויסרוימען אינגאנצן דער חמץ, אז עס זאל נישט בלייבן אפילו א קליינע ברעקל; ב. עסן מצה. דערנאך קומט 'פסח שני', און דעמאלטס עסט מען די מצה צוזאמען מיט חמץ, און עס איז נישט דא קיין מצוה צו אויסרוימען דער חמץ. - דארף מען פארשטיין וואס איז די כוונה און דער רמז דערפון?

עס קען זיין אז דאס איז א רמז אויף דריי פארשידענע בחינות וואס זענען דא אין עבודת השם: **א. 'סור מרע' -** זיך דערווייטערן פון שלעכטס און נישט טון קיין עבירות ח"ו; **ב. 'עשה טוב' -** טון וואס מער מצוות און מעשים טובים; **ג. 'בכל דרכיך דעהו' -** דינען דעם אייבערשטן מיט גשמיות'דיגע זאכן; למשל, עסן טרינקען און שלאפן כדי צו האבן כח צו דינען דעם אייבערשטן, אזויווי עס שטייט אין **גמרא** (ברכות נד, א) אז מען דארף דינען דעם אייבישטער אויך מיט'ן יצר הרע, און דער **רבינו יונה** ערקלערט אז די כוונה דערפון איז אז מען דארף דינען דער באשעפער אויך מיט גשמיות'דיגע זאכן. און אזוי שרייבט אויך דער הייליגע **טורי-זהב** (אה"ע סי' כה) אז מען דארף אכטונג געבן צו עסן און שלאפן כדי מען זאל האבן א קלאָרע קאפ צו לערנען א גאנצן טאג. און ער טייטשט מיט דעם דער פסוק (תהלים קכז, ב): "שוא לכם משכימי קום מאחרי שֶׁבֶת" - עס איז אשאד אויב מען שטייט אויף צו פרי אדער מען גייט שלאפן שפעט כדי צו קענען לערנען מער, ווייל - "כן יתן לידידו שֵׁנָא" - די זעלבע חשוב איז איינער וואס שלאפט אביסל מער כדי ער זאל האבן א קלאָרע קאפ צו לערנען א גאנצן טאג.

די מצוה פון אויסרוימען די חמץ אין פסח איז קעגן די עבודה פון **'סור מרע'** - זיך דערווייטערן פון דער יצר הרע און אלע שלעכטע זאכן; די מצוה פון עסן מצה איז א רמז אויף די עבודה פון **'עשה טוב' -** טון מצוות און מעשים טובים; און די עבודה פון 'פסח שני' - עסן מצה און חמץ צוזאמען - דאס ווייזט אויף דער ספעציעלע עבודה פון **'בכל דרכיך דעהו'** - מען דארף דינען דעם אייבערשטן אויך מיט גשמיות'דיגע זאכן, עסן און טרינקען און שלאפן כדי מען זאל האבן כח צו דינען דעם אייבערשטן אָן קיין שטערונגען.

(סעודה א' פרשת תזו"מ תשכח)



### געלערנט זוהר הקדוש אזויווי רבי שמעון בר יוחאי

די הייליגע ברודער'ס דער **רבי ר' אלימלך פון ליז'ענסק** און דער **רבי ר' זושא** זי"ע האבן געהאט נאך א ברודער מיט'ן נאמען ר' אביגדור וואס איז נישט געווען קיין 'חסיד'. אמאל איז דער ר' אביגדור געקומען אויף א באזוך צו זיין ברודער דער רבי ר' זושא, נאך א לענגערע צייט וואס ער איז נישט געווען ביי איהם. און ווען ער איז אנגעקומען, איז דער רבי ר' זושא פונקט נישט געווען אין שטוב, און ר' אביגדור האט געזאגט פאר די בני-בית פון דער רבי ר' זושא אז ער מוז זיי דערציילן א מורא'דיגע מעשה:

"פאר עטליכע וואכן צוריק" – האט רבי אביגדור דערציילט – "בין איך שטארק קראנק געווארן, ביז איך בין שוין אנגעקומען ממש צו א מצב פון א לעבנ'ס-געפאר. איין טאג האב איך גע'חלומ'ט ווי איך שטיי שוין פאר'ן בית-דין של מעלה, און עס זיצן דארט עטליכע גרויסע צדיקים אלס דיינים, און אין שפיץ זיצט דער הייליגע תנא רבי שמעון בר יוחאי, און מען איז מיר דן צו איך דארף שוין אוועק גיין פון די וועלט, אדער איך קען נאך בלייבן לעבן. רוב פון די דיינים האבן געהאלטן אז איך דארף שוין נפטר ווערן, אבער דעמאלטס איז פלוצלינג אנגעקומען א יונגערמאן מיט דער 'ספר הזוהר' אין זיין האנט, און ער האט גע'טענה'ט אז איך בין נאך זייער יונג און איך האב נאך קליינע קינדער אין שטוב וואס זיי דארפן מיר האבן, און מען דארף מיר נאך לאזן לעבן.

עס איז געווארן א ויכוח צווישן די דיינים, ביז רבי שמעון בן יוחאי האט זיך אנגערופן: 'דער יונגערמאן איז דאך עוסק אין דער ספר הזוהר, און ער האט זוכה געווען צו מכוין זיין ביים לערנען די זעלבע כוונות און יחודים וואס איך האב אינזין געהאט ווען איך האב געשריבן דער זוהר, דערפאר בעט איך אז מען זאל אננעמען זיין פארלאנג', און די בית-דין האט טאקע גע'פסק'נט אז איך גיי ווערן געזונט און בלייבן ביים לעבן".

"דער יונגערמאן וואס איך האב דארטן געזען" – האט ר' אביגדור אויסגעפירט – "איז געווען נישט קיין צווייטע ווי מיין הייליגע ברודער דער רבי ר' זושא, און דערפאר בין איך איהם געקומען דאנקען אז אין זיין זכות און אין זכות פון זיין הייליגע תורה בין איך ב"ה געבליבן לעבן".

(לג בעומר תשלז)

*

### די הדלקה אין מירון לזכותו פון דער מיטעלע רב

דער הייליגע רב זכרונו לברכה האט אמאל דערציילט, אז אין די צייטן פון **דער הייליגע מיטעלע רב זי"ע** האט געוואוינט אין בעלזא א רייכע ערליכע אלמנה, וואס זי פלעגט אויסטיילן אסאך געלט פאר צדקה. אין די עלטערע יארן איז זי געפארן וואוינען קיין ארץ ישראל, און ל"ג בעומר איז זי געפארן קיין מירון צו דער ציון פון דער גרויסע תנא רבי שמעון בר יוחאי.

אין מירון איז געווען דער מנהג אז מען פלעגט פארקויפן דער זכות פון אנצינדן די הדלקה, און בדרך כלל פלעגט דאס קויפן א שליח פון איינע פון די קינדער פון די הייליגע ריז'ינער זי"ע, און מען פלעגט דאס אנצינדן לזכותם (די ריז'ינע רבי'ס האבן דעמאלטס נאכנישט געוואוינט אין ארץ ישראל). אבער אין יענע יאר האט די אלמנה אפגעקויפט די זכות פון אנצינדן די הדלקה, לזכותו פון דער מיטעלע רב זי"ע, און ווען דער מיטעלע רב האט געהערט דערפון איז דאס געווען ביי איהם זייער בחשיבות.

(לג בעומר תשלח)

*

### דער גרויסע אדוואקאט

ווען דער הייליגע **"אמרי חיים" פון וויזניץ זי"ע** איז שוין געווען אין די עלטערע יארן, האט ער אמאל געהאט שטארק חשק צו פארן קיין מירון און זיך משתטח זיין אויף די הייליגע ציון פון רבי שמעון בר יוחאי אין חודש אלול, פאר 'די הייליגע טעג'. די גבאים האבן פראבירט איהם אפצורעדן דערפון, ווייל עס איז א לאנגע און שווערע נסיעה, אבער דער "אמרי חיים" האט זיך גע'עקשנ'ט יא צו פארן.

ער האט ערקלערט פאר זיינע נאנטע: "ווען א מענטש האט א שווערע משפט, וואס טוט ער? ער גייט און דינגט א גוטע אדוואקאט, און ער האפט אז מיט די הילף פון דער אדוואקאט וועט ער ארויסגיין גערעכט ביים משפט. אין **גמרא** שטייט דאך (סוכה מה, ב): 'אמר רבי שמעון בן יוחאי, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין', אויב אזוי איז דאך רבי שמעון בן יוחאי דער בעסטע אדוואקאט ביים אייבערשטן, דערפאר מוז איך אריבער פארן צו איהם און איהם בעטן אז ער זאל זיין אונזער אדוואקאט ביי די גרויסע משפט וואס גייט פארקומען ראש השנה אויף אלע מענטשן פון די גאנצע וועלט, און ער זאל פועל'ן פאר אונז א גוט געבענטשט יאר".

(שיחת קודש טז אדר א' תשס)


תודתינו והוקרתינו נתונה לידידינו שתרמו מהונם להצלחת הוצאת גליון זה

דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ

כל חסיד בעלזא אומר מדי יום את קאפיטל התהלים הקבוע

להצטרפות וקבלת קאפיטל תהלים יומי קבוע

חייג למערכת "על הצדיקים"

02.313.7666

על הצדיקים

הרה"ח ר' **משה פרץ שווארץ** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן הבה"ח **יחזקאל בן ציון** נ"י
עב"ג בת הרה"ח ר' **אהרן משה גרויז** שליט"א
ברוקלין
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **אברהם אליעזר לעווין** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן הבה"ח **נחמן** נ"י עב"ג
בת הרה"ח **שמואל יוסף זיידנפעלד** שליט"א
ברוקלין
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **יעקב רוט** שליט"א
מאנטריאל
לרגל שמחת הבר מצווה
לבנו הבה"ח **אברהם צבי** נ"י
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **מנדל קראוס** שליט"א
לעיקוואד
לרגל שמחת הבר מצווה
לבנו הבה"ח **שמעון** נ"י
במזל טוב
ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **דוד פעדער** שליט"א
לעיקוואד
לרגל שמחת הולדת בתו
במז"ט ובשעטו"מ

הרה"ח ר' **משה יצחק** בר"ב **אדלער** שליט"א
ברוקלין
לרגל שמחת הולדת בנו
במז"ט ובשעטו"מ